## רעזאָלוציעס וועגען ארץ-ישראל

1) די קאָנפערענץ למען חזוק היהדות ווענדעט זיך צו די אָרגאַניזאַציעס וועלכע ארבייטען אין ארץ ישראל, אז זיי זאָלען אין דער שרעקליכער צייט, וועלכע דער כלל־ישראל לעבט אי־בער, זעהען אָפּצוהיטען דעם כבוד און דעם יסוד־הקיום פון אונזער הייליג לאנד דורכ׳ן צו־ריקקעהרען זיך צו דער תורה און היטען דעם הייליגען שבת.

2) די קאָנפערענץ דריקט אויס איהר פארביטערונג צוליב דעם, וואָס פון די גרויסע קאַמפּיינס, וועלכע ווערן אין אַמעריקע געמאַכט פאר ארץ־ישראל, ווערט נישט געשטיצט דער ישוב־הישן און זיינע צאָהלרייכע אַנשטאַלטען, טראָץ דער געוואלדיגער באַדייטונג פון ישוב־הישן פארן אידישען כאַראַקטער פון לאַנד במשך פון טויזענדער יאהרען.

3) די קאָנפערענץ באַשליסט, אז ס׳איז א הייליגער חוב פון אַמעריקאַנער אידענטום צו שטיצען דעם „קרן הישוב״ און אלע מוסדות החינוך פון אגודת ישראל אין ארץ־ישראל.

4) די קאָנפערענץ באַשליסט צו שטיצען ווארים אלע קאַמפּיינס פון פּועלי אגודת־ישראל אין אַמעריקע;

5) די קאָנפערענץ באַשליסט, אַז מען דאַרף קויפען תוצרת הארץ בכלל און תפילין ומזוזות פון די סופרים, וועלכע זענען אָנגעשטעלט פון פּועלי אגודת ישראל, בפרט.

6) די קאָנפערענץ באַשליסט צו גרינדען אַ קאָלאָניע אין ארץ־ישראל אויפ׳ן נאָמען פון הגאון ר׳ חיים עוזר גראָדזענסקי זצ״ל.

7) די קאָנפערענץ שיקט איהר ברכה און ווערטער פון ערמוטיגונג דעם ישוב אין ארץ־ישראל און ערקלעהרט, אז דער גאַנצער כלל־ישראל שטעהט מיט איהם אין דער איצטיגער צייט.

## רעזאָלוציעס וועגען קרן התורה והדת

1). דער קרן התורה והדת ווערט געשאַפען נישט אלס פּאָליטישער מוסד, נאָר אויס־שליסליך אין גאַנצען געווידמעט צו פארשפּרייטען דעם למוד התורה דאָ אין לאנד און אין ארץ ישראל. בראש פון דעם מוסד וועלען נישט שטעהן דוקא מענשען, וועלכע זיינען חברים פון אגודת ישראל, נאָר עס דארפען אריינגעצויגען ווערען אידען שומרי תורה ומצות אפילו אויב זיי זיינען נישט קיין אָפיציעלע אגודיסטען.

2). דער קרן התורה וועט שטיין אונטער דער לייטונג און א באַזונדערען ועד פון 35 מיטגלידער, רבנים ובעלי בתים חרדים, און זיי וועלען צווישען זיך אויסקלייבען א יו״ר, און א ועד הפועל פון 5 חברים.

3). דער צוועק פון קרן התורה והדת איז: א). צו העלפען גרינדען מוסדות התורה פאר ערציהען קינדער, אינגלעך און מיידלעך, על פי תורה ומסורת אבות, און מאַטעריעל צו שטי־צען די דאָזיגע מוסדות.

4). צו אונטערשטיצען אזעלכע ערציאונגס־אנשטאַלטען וועלכע ערציהען די קינדער על טהרת הקודש, און נויטיגען זיך אין הילף.

5). צו העלפען מיט געלד־סקאלארשיפּ אזעלכע תלמידים בני עניים וועלכע לערנען אין ישיבות און קענען זיך נישט אויסהאַלטען, כדי זיי צו דערמעגליכען, אז זיי זאָלען ווייטער פאָרטזעצען זייערע למודים.

6). צו געבען אויסצייכנונגען צו תלמידים, וועלכע צייכענען זיך אויס מיט זייער גרויסער התמדה און יראת שמים, כדי עס זאָל זיין „קנאת סופרים תרבה חכמה״.

7). אנצופיהרען א גרויסע אויפקלערונגס־ארבעט פאר חזוק הדת בכלל, ובפרט פאר שמירת שבת, טהרת משפחה, און כשרות און אז אין די שוהלען זאָל נישט זיין קיין תערובות פון מענער מיט פרויען.